אויף תיכף ארויסצוגעבן: 11/26/2024 גאווערנער קעטי האקול

**גאווערנער HOCHUL (האקול) מעלדט אמעריקאנע קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע וועט צושטעלן פעדעראלע הילף צו איינוואוינער און ביזנעסער וואס זענען באטראפן געווארן דורך אוגוסט 8-10, 2024 שווערע וועטער**

***היימאייגנטומערס, איינוואוינער און ביזנעסער אין פרענקלין און סט. לאורענס קאונטיס קענען זיך אנגעבן פאר אמעריקאנע קליינע ביזנעסער אדמיניסטראציע נידריגע-אינטערעסט הלוואות***

***סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס און קאונטי באאמטע האבן דורכגעפירט געפאדערטע פארלויפיגע שאדן אפשאצונג צו באקומען הילף פאר באטראפענע געמיינדעס נאכפאלגנדיג די שווערע וועטער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז פעדעראלע הילף איז ערמעגליכט פאר ניו יארקערס אין פרענקלין און סט. לאורענס קאונטיס וואס זענען באטראפן געווארן דורך שווערע וועטער אום אוגוסט 8-10, 2024. היימאייגנטומערס, דינגערס און ביזנעסער זענען יעצט ערמעגליכט זיך אנצוגעבן פאר אמעריקאנע קליינע ביזנעסער אדמיניסטראציע נידריג-אינטערעסט הלוואות צו העלפן אין ערהוילן פון די נאכפאלגן פון די שטורעמס וואס האבן געברענגט באדייטנדע שאדן צו הייזער און ביזנעסער.

"אונזער אדמיניסטראציע האט שווער געארבעט אז די קאמיוניטיס וואס זענען באטראפן געווארן דורך עקסטרעמע וועטער אין אוגוסט פון דעם יאר זאלן האבן צוטריט צו יעדע מעגליכע ריסאורס אין וואס זיי נויטיגן זיך, זיך צו ווידעראויפבויען און ערהוילן," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "ניו יארק איז נישט קיין פרעמדער צו עקסטרעמע וועטערן, אבער עס וועט שוין פיל צו אפט, און איך דאנק די ביידען-העריס אדמיניסטראציע און אונזערע פעדעראלע פארטנערס פארן צושטעלן די קריטישע הילף צו איינוואוינער און ביזנעס אייגנטומער אין פרענקלין און סט. לאורענס קאונטיס."

היימאייגנטומערס, איינוואוינער און ביזנעסער אין די דערקלערטע קאונטיס זענען יעצט בארעכטיגט פאר SBA הלוואות. SBA הלוואות קענען זיין גאר בייהילפיג פאר בארעכטיגטע מענטשן/קערפערשאפטן וואס נויטיגן זיך אין פינאנציעלע הילף צו ארויפגיין אויף די רעלסן צו ערהוילונג, נאכפאלגנדיג וועטער-פארבינדענע קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס.

די דעקלעראציע וועט צושטעלן נידריגע אינטערעסט הלוואות צו פארעכטן/ערזעצן געשעדיגטע פראפערטי וואס איז געשען אלס רעזולטאט פון די געשעעניש פאר:

- ביזנעסער אדער פריוואטע, נאן-פראפיט ארגאניזאציעס ביז 2 מיליאן דאלאר
- היים אייגנטומער און ארויסדינגער ביז $100,000 (צו העלפן פאריכטן אדער איבערזעצן פערזענליכע פראפערטי)

- היים אייגנטומער ביז $500,000 (צו פאריכטן זייער הויפט וואוינארט צו פאר-דעם-דיסעסטער צושטאנד)

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישענער Jackie Bray (דשעקי בריי) האט געזאגט,** "די פינאנצירונג וועט העלפן די וואס זענען באטראפן געווארן דורך שווערע וועטערן זיך צו ערהוילן פון פארלוסטן און שאדן געשאפן דורך די שטורעם. גאווארנער Hochul (האקול) און אונזערע פעדעראלע פארטנערס האבן שווער געארבעט צו העלפן באקומען די פינאנצירונג וואס עס קומט זיך פאר די קאמיוניטיס זיך צו ווידעראויפבויען און מיר דאנקען זיי פארן צושטעלן פאר די ניו יארקערס."

ניו יארקערס קענען טרעפן נאך אינפארמאציע, [דאונלאודן אפליקאציעס, און זיך אנגעבן אנליין דא](#). אפליקאנטן קענען אויך רופן SBA'ס קאסטומער סערוויס צענטער אויף (800) 659-2955 אדער אימעיל [disastercustomerservice@sba.gov](mailto:disastercustomerservice@sba.gov). לאקאציעס פאר פערזענליכע הילף און אפליקאציעס וועלן געמאלדן ווערן אין די קומענדיגע טעג.

מענטשן וואס זענען טויב, הערן שוואך אדער האבן א רעדן דיסאביליטי קענען רופן 711 אנצוקומען צו די 'רילעי' סערוויסעס מיט הילף צו קאמוניקירן איבער די טעלעפאן.

די פיילינג דעדליין צוריקצושיקן אפליקאציעס פאר פיזישע פראפערטי שאדן איז יונואר 24, 2025. די דעדליין צוריקצושיקן עקאנאמישע פארוואונדונג אפליקאציעס איז אויגוסט 25, 2025.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון — טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט NYSDHSES אויף פעיסבוק, X, אינסטעגרעם און לינקעדאין, און באזוכט [dhses.ny.gov דורך דריקן אויף דעם לינק דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)